**אינטערוויו פֿון קלאָד האַמפּעלן**
**Interview de Claude Hampel**
11 juillet 2012

**מכּ** - שלום עליכם, קלאָד האַמפּעל

**MK - Sholem-Aleykhem, Claude Hampel !**

**קה** - עליכם-שלום, מאַקס כּאָהן

CH : Aleykhem Sholem, Max Kohn !

**מכּ** - מיר זענען הײַנט דאָ אינעם לאָקאַל פֿון צערקל בערנאַר-לאַזאַר. דו האָסט מיך געפֿרעגט, צי כ'קען טאָן אַן אינטערוויו מיט דיר, וועגן דײַן נייער עמיסיע, וואָס הייסט "אַ ייִדישע שעה"...

**MK** – Nous nous trouvons aujourd'hui au Cercle Bernard-Lazare, et tu m'as demandé de réaliser cette interview au sujet de ta nouvelle émission, qui s'intitule *A yidishe shù* (NdT. : « une heure yiddish » ou « une heure juive »).

We are now on the premises of the Cercle Bernard-Lazare, because you asked to interview you about your new radio programme, which is called *a yidishe sho* » (from the translator : '*a Yiddish hour*' or '*a Jewish hour*')!

**קה** -יאָ, "אַ ייִדישע שעה", וואָס איך האָב אַ ביסל פֿאַרענדערט, צו מאַכן פֿון איר אַ ייִדיש-"שאָו" !

CH – Oui, cette *Yidishè shù* que j'ai un peu transformée, pour en faire « a yidish show» !

Yes, this *Yiddishe shu* that I changed a bit to make 'a Yiddish show' of it !

**מכּ** - נו, וואָס איז דער אונטערשיד צווישן "אַ ייִדישע שעה" און "אַ ייִדיש-שאָו" ?

**MK –** Quelle est la différence entre une « yidishè shù » et une « *yidish shò* » ?

**What is the difference between 'a Yiddishe shu' and 'a Yiddish show' ?**

**קה** - אין אַ "ייִדיש-שאָו" האָט מען די מעגלעכקייט צוזאַמענצושטעלן פֿאַרשיידענע מינים פֿון ייִדישער מוזיק, פֿון ליטעראַטור, און מאַכן אַזוי אַרום אַן עמיסיע וואָס זאָל זײַן לעבעדיק, אַז די צוהערער זאָלן שעפּן פֿונדעם אַ גרויס פֿאַרגעניגן, וואָס זאָל נישט זײַן צופֿיל פֿון אַ דידאַקטישער עמיסיע.

**CH –** Dans « *a yidish shò* », nous avons la possibilité d'unir toutes sortes de musiques, de littérature, et de faire ainsi en sorte que l'émission soit vivante ; que les auditeurs y trouvent beaucoup de plaisir, et que cela ne soit pas une émission trop didactique.

*In a 'Yiddish show', we can merge many kinds of music, of literature, and thus create a lively programme ; we don't want to make it too 'educational' but rather hope the public will simply enjoy listening.*

**מכּ** - פֿון ווען האָט אָנגעהויבן די עמיסיע ?

MK – Quand cette émission a-t-elle débuté ?

*When did this programme start ?*

# אינטערוויו פֿון קלאָד האַמפּעלן

**Interview de Claude Hampel**

11 juillet 2012

**מק -** די עמיסיע האָט אָנגעהויבן מער ווי צוואַנציק יאָר צוריק, און דער גרינדער פֿון דער עמיסיע, יאָסעלע טיסטילער, האָט געטאָן עליה מיט אַכט אָדער צען יאָר צוריק, און ער האָט אָפּגעהיטן די עמיסיע ווי אַן אויג אין קאָפּ. און זינטן ערשטן טאָג, האָט ער אײַנגעשלאָסן אין דער עמיסיע די פּרשה [אויף ייִדיש] פֿונעם רבֿ פּעווזנער, וועלכער נעמט נאָך אָנטייל אין דער עמיסיע כּמעט יעדע וואָך. און שפּעטער, ווען [י. טיסטילער] איז עולה געווען קיין ארץ-ישׂראל, האָט די עמיסיע איבערגענומען דער פּאַריזער ייִדיש-צענטער – מיט דעם האָט ער געהאַלטן אַ געוויסן מאָנאָפּאָל – און ווען ער האָט אויפֿגעהערט אָנצופֿירן מיט דער עמיסיע, האָט מען מיר פֿאָרגעשלאָגן, אויב איך האָב אַ שטיקל צײַט – איך בין דאָך זייער אַ פֿאַרנומענער מענטש ! - אויב איך האָב אַ שטיקל צײַט, זיך צו פֿאַרנעמען מיט דער עמיסיע, צו פֿאַרבעטן פֿאַרשיידענע מענטשן, סײַ פּאָליטיקער, סײַ מוזיקער, סײַ שרײַבער, כּדי זיי זאָלן דערציילן ערשטנס פֿון זייערע לעבנס, זייערע איבערלעבונגען, ווי אויך וועגן זייערע שאַפֿונגען לטובֿת ייִדיש. און אַ סך פֿון זיי האָבן געענטפֿערט אויף אינטערוויוס דורכן טעלעפֿאָן, נאָר אמײַסטנס קומען זיי צו זײַן צוזאַמען מיט מיר, בײַ דער עמיסיע, און לויטדעם וואָס איך הער, פֿאַרשטיין די צוהערער גוט מײַן ייִדיש, און דאָס איז פֿאַר מיר אַ געוויסע סאַטיספֿאַקציע.

**CH –** Cette émission a débuté il y a plus de vingt ans ; son créateur Yossèlè Tistiler a fait son aliya voici huit ou dix ans, et il en prenait soin comme de la prunelle de ses yeux. Dès le premier jour, il avait associé à l'émission la Parasha du Rav Pewzner, qui y participe encore aujourd'hui, presque chaque semaine. Lorsque Y. Tistiler est parti s'installer en Israël, l'émission a été reprise par la Maison de la Culture Yiddish, qui maintenait sur elle une certaine exclusivité, et lorsque la MCY a cessé de l'animer, on m'a proposé – à condition que j'aie un petit peu de temps, car je suis un homme très occupé ! - de prendre en charge cette émission, d'y inviter des personnalités de tous bords, hommes ou femmes politiques, musiciens ou écrivains, afin qu'on y entende le récit de choses de leurs vies, de ce qu'ils ont pu traverser, ainsi que de leurs créations en faveur du yiddish. Beaucoup d'entre eux ont répondu à des interviews par téléphone, mais la plupart sont venus me rejoindre dans le studio d'enregistrement et, d'après ce que j'entends, les auditeurs comprennent très bien mon yiddish... Et cela représente pour moi une certaine satisfaction.

*This programme first aired more than 20 years ago ; its creator, Yossele Tistiler made Aliya eight or ten years ago, and the emission was the apple of his eye. From the very first day, the programme featured the Parasha by Rav Pewzner, who still takes part almost every week. When Y. Tistiler left to settle down in Israel, the programme was taken over by the Paris Yiddish Centre, which had a sort of monopoly on the emission ; and when they stopped to host it, I was approached – if had some time left, since I am a very busy man ! to take care of this programme, to invite all kinds of people ; politicians, musicians or writers, so people can hear about aspects of their lives, aboutf their experiences, as well as about their work for the benefit of Yiddish. Many of them have been interviewed by phone, but most of them came over to be with me in the studio. From what I hear, the audience understands my Yiddish well, which provides me with a certain satisfaction.*

**מכ –** ווען האָסט בדיוק איבערגענומען די עמיסיע ? הײַ-יאָר, ניין ?

**MK –** Quand exactement as-tu repris l'émission ? Cette année ?

*When exactly did you take over the programme ? This year ?*

**אינטערוויו פֿון קלאָד האַמפּעלן**

**Interview de Claude Hampel**

11 juillet 2012

**קה** – איך האָב עס איבערגענומען זינט כמעט דער זעלבער צײַט, וואָס מע דאַרף אויף צו געבוירן אַ קינד ! דאָס הייסט אַז עס איז נײַן חדשים, וואָס איך בין בײַ דער עמיסיע.

**CH –** Cela fait presque le temps de la gestation d'un que j'ai repris l'émission, c'est à dire que je présente l'émission depuis 9 mois.

*I have taken it over since about the time it takes to bring a child into this world, that is to say, I'm doing the programme since nine months now.*

**מכ** – די עמיסיע ווערט איבערגעגעבן יעדע וואָך...

**MK –** Elle est diffusée chaque semaine ?

*Is it broadcast every week ?*

**קה** - יאָ, יעדע וואָך, יעדן דינסטיק פֿון האַלב פֿיר ביז האַלב פֿינף. און איך דאַרף זאָגן אַז עס איז אַן אויסנאַם, אַז צווישן די אַלע ראַדיאָס, ייִדישע און נישט ייִדישע, אויף דער דאָזיקער צוגעפּאַסטער צײַט, ווען מע קען דאָך כאַפּן אַ דערמל אויך, די צוהערער זײַנען דאָ, און פֿאַר מיר איז דאָס אַ גרויס פֿאַרגעניגן. פֿאַרוואָס ?

CH – Oui, chaque semaine, tous les mardis, de 15h30 à 16h30, et il faut signaler une chose exceptionnelle, car parmi toutes les radios, juives ou non-juives, à cette heure où l'on peut aussi bien faire une sieste, les auditeurs sont présents, chaque semaine. Et c'est pour moi un grand plaisir. Et pourquoi ?...

*Yes, every Tuesday, from 3:30PM to 4:30PM. And I have to say that it is quite an exceptionnal thing, for all radios, be they Jewish or not, that at that very time when you could also take a siesta, the audience is there. This is for me a real pleasure. Why ?...*

ווײַל מע קען נישט רעדן וועגן ייִדיש און ייִדיש-קולטור, אויב מען הערט נישט רעדן ייִדיש. ייִדיש איז אויך אַ קאָמוניקאַציע שפּראַך, און דאָס וואָס איך היט זיך פֿון מיר אָפּ, איז פֿון אַ געוויסן אַקאַדעמיזם. איך האָב אַ גרויסן דרך-ארץ צו די וואָס לערנען זיך הײַנט ייִדיש אויפֿן שטײגער פֿון **ייִווא**, אָבער עס וועט זײַן שוין מער, עס איז הײַנט שוין דאָ דער אונטערשייד צווישן די וואָס האָבן זיך ייִדיש אויסגעלערנט אין זייערע משפּחות, אין זייערע פֿאַמיליע-סבֿיבֿות, און די וואָס באַנוצן זיך מיט וואָס מע קען אָנרופֿן אַן אויסגעלערנטן ייִדיש. דאָס איז שוין נישט פֿון מיר קיין קריטיק, ווײַל ס'איז בעסער עס זאָל זײַן אַן אויסגעלערנטער ייִדיש ווי גאָרנישט קיין ייִדיש !...

Parce qu'on ne peut parler du yiddish ou de la culture yiddish sans conversations en yiddish. Le yiddish est aussi une langue de communication, or ce dont je tente de me garder, c'est d'un certain académisme. J'ai énormément de respect pour ceux qui apprennent aujourd'hui le yiddish suivant les normes du YIVO, mais je vois s'accroître la différence entre ceux qui tiennent le yiddish de leur famille ou de leur environnement familier d'une part et, d'autre part, ceux qui utilisent ce que j'appelle un *yiddish étudié*. Cela n'est en aucun cas de ma part une critique, car il vaut mieux un *yiddish étudié* que pas de yiddish du tout !...

*Because one cannot talk about Yiddish and Yiddish culture without people hearing Yiddish. Yiddish is also a language to communicate in, and I take care to stay away from academism. I have the utmost respect for those who learn Yiddish nowadays in the way as the YIVO teaches it. But I see the difference that is already visible between people who have learnt Yiddish in their families, among their*

*relatives, and those who use what I would call « an academic Yiddish », is only growing. This is not at all a criticism from my part, because it is better to have an 'academic Yiddish' than no Yiddish at all !...*

די גרויסע זאָרג מײַנע איז, אַז איך פֿיר אַן מיט די **ייִדישע העפֿטן**, די חודש-צײַטונג, די חודש-אויסגאַבע, וואָס פֿאַרנעמט פֿון מיר אַ סך צײַט, און די פֿראַגע איז שטענדיק ווי אַזוי קען מען געפֿינען הײַנט ייִדן, אין דער גאָרער וועלט, וואָס שאַפֿן אין ייִדיש. איך האָב דעם מזל אַז צווישן די וואָס שרײַבן צו מיר אָפּט פֿאַר די **ייִדישע העפֿטן**, געפֿינען זיך אָנגעזעענע פּערזענלעכקייטן, וואָס לעבן אין ישׂראל. צום בײַשפּיל **לאַזאַר לובאַרסקי**, וועלכער האָט מיר געווידמעט פֿאַר די **ייִדישע העפֿטן** זייער אינטערעסאַנטע שטודיעס, וועגן דער ייִדישקייט וואָס איז בנמצא סײַ בײַ **מאַרסעל פּרוסטן**, סײַ בײַ **שטעפֿאַן צווײַגן**, ווי אויך בײַ **געטען** ! ]ל. לובאַרסקי באַשרײַבט[ וואָס זענען די ייִדישע אינהאַלטן וואָס מע קען געפֿינען בײַ געטען. כ'האָב אויך ווי מיטאַרבעטער **בער קאָטלערמאַן**, כ'האָב אויך ווי אַ מיטאַרבעטער אַ געוועזענער ישׂראלדיקער אַמבאַסאַדאָר אין רומעניע, וואָס הייסט **יוסף גובֿרין**, וואָס האָט געשריבן אויף דער קומענדיקער נומער וועגן עלעמענטן פֿון **איליא ערנבורגס** לעבן, און אגבֿ פֿון **לאַזאַר לובאַרסקין** האָבן מיר אויך זייער אַן אינטערעסאַנטן אַרטיקל וועגן **איליאַ ערנבורגן**...

Ma grande préoccupation c'est aussi  la rédaction en chef de la revue mensuelle des « *Cahiers yiddish* », qui m'incombe, et qui me demande beaucoup de temps, et la grande question qui m'anime c'est de savoir comment trouver aujourd'hui des Juifs à travers le monde qui créent en yiddish. J'ai aujourd'hui la chance de trouver, parmi ceux qui écrivent aujourd'hui dans les Cahiers yiddish, des personnalités remarquables – qui vivent en Israël. Ainsi, par exemple : Lazar Lubarski, qui a dédié aux « *Cahiers yiddish* » de très intéressantes études au sujet de la judéité, ce qu'on en trouve aussi bien chez Marcel Proust que chez Stefan Zweig, mais même aussi chez Goethe ! L. Lubarski a recherché quels étaient les éléments juifs qu'on pouvait retrouver chez Goethe. J'ai aussi comme contributeurs Ber Kotlerski, ainsi qu'un ancien ambassadeur d'Israël en Roumanie, qui s'appelle Yossef Govrin, qui a consacré un article à paraître dans le prochain numéro à Ilya Ehrenbourg, à qui d'ailleurs L. Lubarski a lui aussi consacré un article très important...

*My main concern, as the editor of the* Yidishe Heftn, *the Paris monthly journal, a position that takes up a lot of time, is these days always to find Jews across the whole world, who create in Yiddish. I am lucky that, among the people who contribute on a regular basis to the Yiddishe Heftn, there are renowned personalities who live in Israel. For example : Lazar Lubarski, who gave the* Yiddishe Heftn *very interesting studies about the Jewishness* –Yiddishkeyt- *that can be found in Marcel Proust's works and life, or in Stefan Zweig's, or even in Goethe's ! He thus describes the Jewish elements in Goethe's works. I also have as co-workers Ber Kotlerman, and an ex-Israeli ambassador at Bucharest, Yossef Govrin, who wrote an article for the next issue about  elements of Ilya Ehrenbourg's life, and speaking of Ilya Ehrenbourg, we also have a very interesting article by Lazar Lubarski...*

דאָס אַלץ איז בײַ מיר זייער אַ פּאָזיטיווע זאַך, ווײַל במשך אַ סך יאָרן, האָב איך אויסגענוצט פֿאַרשיידענע שריפֿטן, אַרטיקלען, וואָס זענען אַרויסגעגעבן געוואָרן אינעם אַמעריקאַנער **פֿאָרווערץ**, נאָר הײַנט – פֿון צײַט צו צײַט נעם איך איבער, מיט **באָריס סאַנדלערס** דערלויבעניש, אַן אַרטיקל פֿון דער ניו-יאָרקער אויסגאַבע, נאָר מערשטנטיילס זענען די אַרטיקלען פֿון די **ייִדישע העפֿטן** אָריגינעלע שריפֿטן, ווי צום בײַשפּיל מכּוח ליד און פּאָעזיע, באַקום איך לידער פֿון **רבֿקה באַסמאַנען**, אָדער פֿון אַנדערע פּאָעטן, דיכטער.

## אינטערוויו פֿון קלאָד האַמפּעלן

**Interview de Claude Hampel**

11 juillet 2012

אַן אנדערע סאַטיספֿאַקציע פֿאַרשאַפֿט מיר אונדזער קארעספּאָנדענט אין דײַטשלאנד, וואָס הייסט באַרנבוים, אַ געבוירענער אין סאָוויעט-רוסלאַנד. ער איז אָנגעקומען מיט אַלע אימיגראַנטן קיין דײַטשלאַנד, ווו ער האָט זיך אײַנגעאָרדנט. און ער איז זייער טעטיק אין אַ קרײַז וואָס איז נישט קיין ייִדישער קרײַז, נאָר אַ דײַטשער קרײַז, און דאָרט דערלויבט מען אים צו פּובליצירן זײַנע פּאָעמעס צווײַשפּרעכיק, ד.ה. אין דײַטש און אין ייִדיש. דאָס וואָס איז זייער קאָמיש און אַנעקדאָטיש בײַ אים, ער שיקט מיר אָפּ אַרטיקלען וואָס זענען אָנגעשריבן אין האַנטשריפֿט, און זײַן ייִדיש איז פֿאַרבליבן דער סאָוויעטישער ייִדיש! און ס'איז פֿאַר מיר אַ גרויסע נחת, ווען די אַרטיקלען זײַנע דערשײַנען. אויב זיי דערשײַנען נישט, באַקום איך פֿון אים אַ שיינעם בריוו : » חבֿר האַמפּעל, איך האָב געשריבן צוויי אַרטיקלען, פֿאַרוואָס זענען זיי נישט אַרויס ?... « דאָס זענען די הײַנטיקע שעפֿערס אין ייִדיש, וואָס האַלטן דערפֿון אַז זייער אַרבעט זאָל דערשײַנען אין אַ צײַטונג...

Tout cela représente pour moi quelque chose de très positif. Car longtemps, j'ai publié de nombreux articles du *Forverts* de New York, pour les faire connaître de notre public. Je peux dire qu'aujourd'hui encore, je reprends quelquefois, avec bien sûr l'autorisation de Boris Sandler, un article du *Forverts*, mais tous les autres articles sont des écrits originaux. Ainsi, nous publions de la poésie yiddish, je reçois les poèmes de Rivka Basman Ben Haim, et d'autres poètes yiddish. Une autre satisfaction pour moi, c'est d'avoir un correspondant en Allemagne, M. Barenbaum, natif d'Union soviétique. Il s'est installé en Allemagne au moment de la vague d'immigration en provenance de Russie, et il y est très actif au sein d'un cercle qui n'est pas un cercle juif, mais une association allemande, où on lui permet de publier ses poèmes en édition bilingue : en allemand et en yiddish. Voici une anecdote très typique et très amusante à son sujet : il m'envoie des articles écrits à la main, et son yiddish est un yiddish purement soviétique (NdT : orthographié de façon strictement phonétique et sans consonnes finales). Et c'est toujours un grand plaisir pour moi de faire paraître ses articles, mais s'ils ne paraissent pas, je reçois toujours une belle lettre de lui : « cher ami Hampel, je vous ai adressé deux articles, pourquoi ne sont-ils pas parus ? ». Ce sont eux, les créateurs actuels en yiddish, qui veillent à ce que leur travail paraisse dans un journal...

*All this is very positive to me, since for many years, I had been using a lot of articles from the American* Forverts*. Now, from time to time, after asking Boris Sandler for permission, I may use an article from the New York journal, but the vast majority of the articles published in the Yiddishe Heftn are original issues such as, with respect to poetry, Rivka Basman's works, or pieces from other poets. Another source of satisfaction for me is our correspondent in Germany, whose name is Mr. Barnboim, a Soviet-Union-born Jew. He settled down in Germany at the time of the recent wave of immigration from the former Soviet Union. He is very active in a cultural circle -not a Jewish circle, a German circle- where he has the opportunity to publish his poems in both languages, Yiddish and German. A funny anecdote about him is, that, when he sends me his pieces, written by hand, his Yiddish is still written in Soviet spelling. And it is a pleasure for me to see his issues published. But when they are not being published, I receive a beautiful letter from him : « Dear friend Hampel, I have send you two articles, why aren't they published ?... » These are the present creators in Yiddish, who also expect their works to be published in a Yiddish issue...*

און איך דאַרף זאָגן אַז אַ דאַנק דער צוטרוי וואָס איך האָב אַרום און אַרום אין דער גאָרער וועלט, האָבן מיר אַ געוויסע צאָל אַבאָנענטן. אָבער צווישן די אַבאָנענטן, אַ סך באַקומען אומזיסט די **ייִדישע העפֿטן**, ד.ה. ייִדן וואָס וווינען אין ליטע, אין אוקראַיִנע, אין רוסלאַנד, וואָס זענען נישט אימשטאַנד צו באַצאָלן דעם אַבאָנעמענט.

# אינטערוויו פֿון קלאָד האַמפּעלן

**Interview de Claude Hampel**

11 juillet 2012

האָבן מיר באַקומען פֿון אַ פֿונדאַציע אַ געוויסע סומע געלט פֿאַר זיי. און מיר געבן אָן יעדן חודש אַ סך מעלדונגען, וואָס ווערן פֿון זיי פֿאַרלאַנגט בײַ אונדז. און איך האָף, איך האָף, אַז די טראַדיציע פֿון ייִדיש-זשורנאַליזם, פֿון ייִדיש-שרײַבער וועט נאָך געדויערן אַ געוויסע צײַט. דאָך, מיט דער הײַנטיקער טעכנאָלאָגיע, מיט דער אינטערנעץ, דעם וועב, באַנוצן זיך אַ סך לײַט שוין נישט מיט פֿעדער. זיי נעמען זיך צו דער קלאַוויאַטור, זיי קלאַפּן, קלאַפּן, קלאַפּן... און עס קען שוין זײַן אַז אין אַ געוויסער צײַט אַרום, וועלן די פּאַפּיר-אויסגאַבעס ווערן געשטעלט אין געפֿאַר. דערווײַלע, גלויב איך נאָך אין זיי.

Et je dois dire que grâce à la confiance qui nous est accordée de par le monde, nous avons un certain nombre d'abonnés. Mais parmi les abonnés, beaucoup reçoivent gratuitement les « *Cahiers yiddish* » : il s'agit de Juifs habitant la Lituanie, l'Ukraine, en Russie, qui n'ont pas les moyens de payer un abonnement, et nous avons reçu d'une fondation une certaine somme d'argent pour eux. Et puis nous diffusons chaque mois beaucoup d'annonces, qu'on nous demande de publier. Et j'espère beaucoup que la tradition du journalisme yiddish durera encore un certain temps. Mais aujourd'hui, avec les nouvelles technologies et l'internet, le web, beaucoup de gens n'utilisent plus la plume : ils ont leur clavier et ils tapent, ils tapent, ils tapent... Aussi est-il possible que d'ici quelque temps, l'écrit sur papier se trouve en danger. Pour l'instant, je crois encore en lui...

*And I have to say that thanks to the trust that I enjoy in many places around the world, we have a good number of subscribers. Yet among the subscribers, a lot of them receive the Yiddishe Heftn for free : they are Jews living in Lithuania, in Ukraine, in Russia, who cannot afford to pay for the subscription. We recieve a grant from a foundation that accounts for their subscription. Every month, we publish a lot of announcements on their behalf. So I hope, I do hope that the tradition of Yiddish journalism will last still a certain time. But these days, with the new technologies and the advent of the internet, many people do not even use pens anymore :the have their keyboards and type, type, type... And it is possible that within a certain amount of time, publications on paper will become an endangered species. But for the moment, I still believe in them.*

איך באַמערק דעם גרויסן אינטערעס לגבי ייִדיש אין דער גאָרער וועלט. איך האָב וועגן דעם אַן אַנעקדאָטע, מסתּמא ווייסט איר אוודאי, טײַערער מאַקס כּאָהן, אַז אין יאַפּאַן אינטערעסירט מען זיך שטאַרק מיט ייִדיש : אין אָסאַקאַ, אין טאָקיאָ, איך ווייס אַז איר האָט באַקומען דאָס ייִדיש-יאַפּאַניש ווערטערבוך. איך האָב נאָר דאָס קליינע ווערטערבוך, מיט נאָר פֿיר טויזנט ווערטער, נאָר די לעצטנס-דערשינענע אויסגאַבע שטעלט פֿאַר פֿערציק טויזנט ווערטער ! פֿערציק טויזנט ווערטער, אין ייִדיש און יאַפּאַניש ! איך מײַן אַז דאָס איז אַן אויסערגעוויינלעכע זאַך, וואָס מען דאַרף דערמאָנען. און מיר זעען אַז אין פּאַריז דערשײַנען קליינע ביכלעך פֿאַר קינדער, לעצטנס איז אַרויסגעגעבן געוואָרן אַ ביכל וואָס הייסט "די טאָכטער פֿונעם קוילן-גרעבער"... אַן אַלטע מעשׂה אין צוויי שפּראַכן, ייִדיש און פֿראַנצייזיש, באַגלייט דורך ייִדישע מעלאָדיעס, מיט וועלכן עס האָט אָנגעפֿירט בערל ווײַסבראָט, זייער אַ באַקאַנטער פּראָפֿעסאָר. כ'האָב געוואָלט נאָך צוגעבן אַ זאַך : ס'איז אָקערשט דערשינען אין פּאַריז אַ פֿונדאַמענטאַל בוך, וואָס איז אַ טראַקטאַט פֿון ייִדיש-גראַמאַטיק. און דאָס האָט אויפֿגעטאָן אויך ב. ווײַסבראָט, אַן אַרבעט פֿון פֿינף-יאָר, וואָס איז אַרויסגעגעבן געוואָרן אין די ראַמען פֿון אַן אוניווערסיטעט. און פֿאַר אַלע וואָס לערנען זיך אויס ייִדיש, וואָס ווילן זיך באַקענען מיט די יסודות פֿון ייִדיש, באַשטייט עס פֿאַר אַ העכסט-וויכטיק בוך. און איך האָב אויך געהערט אַז דער דאָזיקער גראַמאַטיק-טראַקטאַט וועט אפֿשר איבערגעזעצט ווערן אויף ענגליש ! אַזוי וויל איך זאָגן בלויז, אַז ווי מע זאָגט אויך אויף

# אינטערוויו פֿון קלאָד האַמפּעלן

**Interview de Claude Hampel**

11 juillet 2012

פֿראַנצייזיש : ס'איז נישט פֿאַרשפילט, ס'איז נישט "פֿאַרפֿאַקעוועט" (פֿאַרפֿאַלן)... "די מעסע איז נאָך נישט אויסגערעדט" (ד.ה. דער גורל איז נאָך נישט פֿאַרזיגלט).

Je remarque un grand intérêt envers le yiddish, dans le monde entier. Voici une anecdote à ce sujet ; vous le savez sûrement, cher Max Kohn, on s'intéresse beaucoup au yiddish au Japon, à Osaka, à Tokyo ! Je sais que vous avez reçu le dictionnaire yiddish-japonais... Moi, je n'ai que le petit, qui ne compte que 4 000 mots ! Alors que celui qui vient de paraître en compte 40 000 ! Quarante mille entrées en yiddish et en japonais !... Pour moi, cela représente quelque chose d'incroyable, et il faut le rappeler. Nous voyons aussi qu'à Paris on publie de petits livres pour enfants, comme récemment le conte : « *la Fille du charbonnier* », un conte traditionnel publié en yiddish et en français, avec des mélodies juives, publié sous la direction de Bernard Vaisbrot, qui est un professeur très renommé. Et à ce propos je voudrais signaler la publication à Paris d'un ouvrage fondamental : une grammaire du yiddish[1], qui a demandé à Bernard Vaisbrot un travail de cinq ans, et qui a été publiée dans le cadre d'une université. Pour tous ceux qui étudient le yiddish, même s'ils ont les bases du yiddish, c'est un ouvrage extrêmement important. Et j'ai entendu de l'auteur qu'il voudrait le voir traduit en anglais. Aussi, je voudrais dire simplement que « ce n'est pas joué, ce n'est pas plié, la messe n'est pas dite[2] »....

*I notice a great interest in Yiddish around the world. I have an anecdote in this regard : you are probably aware, dear Max Kohn, that in Japan people are very interested in Yiddish, in Osaka, in Tokyo... I've heard that you received the Yiddish-Japanese dictionary. I only have the short dictionary, with only 4000 words, but the latest issue presents more than 40 000 entries ! 40 000 words in Yiddish and in Japanese ! I think this is fantastic feat, and we have to stress it. We see also booklets for children published in Paris, such as the tale « The coal miner's daughter ». This is a traditional tale published in both languages, Yiddish and French, accompanied by Jewish melodies, which was edited under the supervision of Bernard Vaisbrot, a very renowned professor. And I'd like to add something : a most essential book has just come out here in Paris, a work on Yiddish grammar, that was also written by Bernard Vaisbrot : the work of five years, published in an academic setting. For all those who want to learn Yiddish, to get to know the very foundations of Yiddish, this is a most important work. I even heard that this outstanding work might be translated into English. So I just want to say, according to the French saying : the play is not over yet, it has not been folded, the mass is not over (or as we say in English : the fat lady hasn't sung).*

אַ שיינעם דאַנק, קלאָד...

MK – Merci beaucoup, Claude.

Many thanks, Claude !

[1] [NdT. La « *Grammaire descriptive du yidiche contemporain* », par Bernard Vaisbrot, édition Suger, Paris 2012.]

[2] Expression citée en français.